ראמאן „איז פלאמען פון ליבע און האס“ זעה 11-טע זייט!


Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem

Najer Folksblat

פרייז 30 גראשען

היינט 16 זייטען

# נייער פאלקסבלאט

אונפארטייאישע פאליטיש-געזעלשאפטליכע טאג-צייטונג

| Nr. 99 (1093) | Łódź, Piątek 29 Kwietnia 1927 | פינפטער יאהרגאנג | לאדז, פרייטאג כז ניסן תרפ״ז. | Nr. 99 (1093) |
|---|---|---|---|---|

אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 24-71. | Adres redakcji i administracji: Łódź, Piotrkowska 21, Tel. 24,71.


# רעגירונגס-קאמף מיסברויכען

## מיניסטאר-ראט שאפט אן אויסערגעוועהנליכע קאמיסיע.

# געבילדעט א נאציאנאל-יודישען בלאק אין ווארשא.

## אויסערגעוועהנליכע קאמיסיע

### צו בעקעמפען מיסברויכען אין מלוכה אינסטיטוציעס.

ווארשא, 28 (טעלעפאניש פון אונזער קארעספאנדענט) דער מיניסטאר-ראט האט בעשלאסען איבערצוגעבען צו דעם מלוכה פרעזידענט אונטערצושרייבען די רשימה פון די מיטגלידער פון דער אויסערגעוועהנליכע קאמיסיע צו בעקעמפען מיסברויכען, וועלכע גראבען אונטער די אינטערעסען פון דער מלוכה.

די קאמיסיע בעשטעהט פון 5 פערזאן. די רשימה און דער דעקרעט זאל שוין די טעג אונטערגעשריבען ווערען דורך דעם מלוכה פרעזידענט.

## ווענען הנחות פון אומזאץ-שטייער.

ווארשא, 28. (טעלעפאניש פון אונזער קארעספאנדענט). נעכטען איז אין פינאנץ מיניסטעריום פארגעקומען די פארזעצונג פון דער קאנפערענץ מיט די פארשטעהער פון סוחרים-ארגאניזאציעס וועגען אומזאץ-שטייער.

די סוחרים האבען פערלאנגט הנחות פאר סוחרים, וועלכע געהערען צו די קאטעגאריעס 3, 2, 1 און פאר בעלי מלאכות פון 8. קאטעגאריע.

דער שטייער-דירעקטאר האט צוגעזאגט די פערלאנגען איבערצוגעבען דעם פינאנץ-מיניסטער און האט צוגעזאגט, אז ביז שבת וועט מען פונאנדער-שיקען געהעריגע צירקולארען צו די שטייער-אמטען ווי אזוי זיך צו בעגעהן ביים איינמאהנען דעם אומזאץ שטייער.

## פונאנדערגעלאזט דעם ווילנער שטאט-ראט.

### איצט שטעהט דער לאדזער שטאט-ראט אין דער רייה.

ווארשא, 28 (אטע) דער אינערן-מיניסטער האט היינט אונטערגעשריבען א פארארדנונג וועגען פונאנדערלאזען דעם ווילנער שטאט-ראט. דער טערמין פון נייע וואהלען איז איבערגעגעבען געווארען צו בעשטימען דעם ווילנער וואיעוואדע. אין קורצען דארף אויך פונאנדערגעלאזט ווערען דער לובלינער שטאט-ראט. דער לובלינער וואיעוואדע האט שוין דערהאלטען די געהעריגע פארארדנונג.

ווי מיר דערוויסען זיך וועט אויך אין קורצען פונאנדערגעלאזט ווערען דער לאדזער שטאט-ראט. און אויך דער לעמבערגער.

## פראנצויזישער פרעזידענט פאהרט בעוואפענט.

### אויף זיין רייזע קיין ענגלאנד בעגלייטען איהם קרייסער-שיפען, טארפעדא און לופט-שיפען.

פאריז, 28. (אטע) „פטי פאריזיען“ מיילט מיט, אז דעם פרעזידענט דומערג וועט אויף זיין רייזע קיין ענגלאנד ווערען בעגלייט פון 6 גרויסע קרייצער-שיפען, אן אויסערגעוועהנליכע צאהל טארפעדא-שיפען און א גרויסע פליה עסקאדרע.

## מין. סקלאדקאווסקי רוהט נישט.

ווארשא, 28 (טעלעפאניש פון אונזער קארעספאנדענט) נעכטען האט דער אינערן-מיניסטער סקלאדקאווסקי בעזוכט א רייהע גאסען און קאנטראלירט דעם סאניטארען מצב.

## ווארש. טראמוואיען וועלען אין 1. מאי שטרייקען ביז 3 בייטאג.

ווארשא, 28. (טעלעפאניש פון אונזער קארעספאנדענט). נעכטען איז פארגעקומען א פערזאמלונג פון די טראמוואי-ארבייטער, וועלכע האבען בעשלאסען, אז אין 1. מאי זאלען די טראמוואיען נישט קורסירען ביז 3 א זייגער בייטאג.

## שטרעזעמאן ווינשט בריאנ׳ען.

בערלין, 28 (אטע) צום 25 יעהריגען יובילעי פון דער פאליטישער טעטיגקייט פון פראנצויזישען אויסערן-מיניסטער בריאן, האט שטרעזעמאן ארויסגעשיקט א הארציגע בעגריסונגס-דעפעשע. שטרעזעמאן ווינשט בריאנ׳ען לאנגע יאהרען פרוכטבארע טעטיגקייט.

בריאן האט אין זיין ענטפער דערמאנט, זיין געמיינזאמע ארבייט מיט שטרעזעמאנ׳ען אויף צו פערזיכערען דעם וועלט-שלום

## א גרויסע גנבה אין מאסקווער מוזעאום.

מאסקווע, 28 (סס. טעל.) פון מאסקווער מוזעאום האט מען ארויס-גע׳גנב׳עט אייניגע בילדער, וועלכע האבען א וועלט בעדייטונג און האבען א ווערט פון עטליכע הונדערט טויזענד רובל.

## געבילדעט א נאציאנאל-יוד. בלאק

### צו די שטאט-ראט-וואהלען אין ווארשא.

ווארשא, 28 (טעלעפאניש פון אונזער קארעספאנדענט) נעכטען אין אווענד איז אין דער וואוינונג פון ד״ר ביכאווסקי פארגעקומען די ווייטערדיגע קאנפערענץ וועגען נאציאנאלען בלאק צו די שטאט-ראט וואהלען אין ווארשא.

שפעט ביינאכט איז געקומען צו א הסכם צווישען די צדדים און עס ווערט געבילדעט א נאציאנאלער בלאק אויף פאלגענדע יסודות:

ציוניסטען – 6 מאנדאטען; ארטאדאקסען–6; סוחרים – 5; האנדווערקער – 4; קליין-הענדלער – 2; „מזרחי“ – 2 און פרייען פעראיין – 1 מאנדאט.

די דעמאקראטען און „התאחדות“ בילדען א בעזונדערען בלאק.

## פריי פון די היי-יאהריגע איבונגען

### זענען די רעזערוויסטען. וואס האבען אפגעגעבען ביטעס וועגען נאמינירען זיי אלס פאדפאָרוטשניקעס.

ווארשא, 28 (טעלעפאניש פון אונזער קארעספאנדענט) דאס קריגס-מיניסטעריום האט פעראָרדענט צו בעפרייען פון די היי-יאהריגע מיליטערישע איבונגען די יעניגע רעזערוויסטען, וואס האבען אין דער ריכטיגער צייט דערלאנגט ביטעס וועגען בעשטימען זיי אלס פאדפארוטשניקעס פון דער רעזערווע און זייער נאמינאציע איז ביז איצט נאך נישט ערלעדיגט געווארען.

די דאזיגע פעראָרדנונג איז חל אויך אויף די יעניגע רעזערוויסטען, וואס האבען בעקומען א תשובה פון דער פ.ק.או., אז זיי וועלען נאמינירט ווערען אלס פאדפארוטשניקעס ערשט נאך די איבונגען.

די איבונגען פאר די דאזיגע רעזערוויסטען וועלען ארגאניזירט ווערען אין יאהר 1928.

אויב אזא קאנדידאט אויף פאדפארוטשניק וועט בעקומען אן אויפפאדערונג (קארטא פאוואלאניא) צו די היי-יאריגע איבונגען, דארף ער די אויפפאדערונג אפשיקען אין זיין פ. ק. או. מיט א בעמערקונג, אז ער האט דערלאנגט א ביטע וועגען בעשטימען איהם אלס פאדפארוטשניק פון דער רעזערווע.

----

## טויט-אורטיילען אין ליטע הערען נישט אויף.

טאלין, 28. (אטע) מען טיילט מיט פון קאוונא, אז דריי ליטווישע אפיצירען זענען געווארען פעראורטיילט צום טויט, ווערענדיג בעשולדיגט אין מלוכה-פערראט.


א גרויס לאקאל

בעשטעהענד פון א גרויס געוועלב

און א שטוב מיט א קוך

אין צענטרום שטאט, יודישע געגענד איז פון זאפארט

איבערצוגעבען.

צו ערפאהרען אין אדמיניסטראציע פון דער צייטונג.

פון דינסטאג, דעם 26 אפריל ביז מאנטאג דעם 2 מאי — גרויסער פראכטפולער פראגראם

„אלטס פאר׳ן קינד“

גרויסע דראמע אין 8 אקטען מיט דער בעריהמטער

HENNY PORTEN

רעזשיסער: Karol Froelich

אנאנס! דער נעכסטער פראגראם „CHŁOPI“ לויט׳ן אגנשטערב. ליבען ווערק — פון וול. ריימאנט

קינא ביים קאאפעראטיוו

פון מלוכה-, קאמונאלע און געזעלשאפטליכע בעאמטע

40 שיענקעוויטשא 40.

אנהויב אין געוו. טעג 5 א זייגער נאכט. שבת און זונטאג – 2 נאכמיטאג.

לעצטער סעאנס 9.30 אין אווענד.

